# וועגן מענטשן, זאכן און



ר׳ חיים ליבערמאַן דער מחבר פון נייעם ספר „אהל רח

## ר׳ חיים ליבערמאַן און זיין נייער ספר אהל רח״ל

עטליכע טעג פאַר פסח איז אין ניו יאָרק דערשינען אַ ניי ספר פון דעם פאָרשער און ביבליאָגראַף ר׳ חיים ליבערמאַן. ר׳ חיים ליבערמאַן איז אַ זעלטענע פערזענליכקייט. ער איז אַ למדן, אַ גרויסער קענער פון חסידות און איז אַ ספעציאַליסט אויף אַלטע ספרים, פאַרלאַגן, מאַנוסקריפּטן, דרוקערייען, כתבי־יד און היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן מחברים און פאַרלעגער פון די צייטן זינט עס זענען אַנטשטאַנען די ערשטע דרוקערייען ביז צום הייני־טיגן פאַרלאַג־וועזן.

גלייך ווי איך האָב באַמערקט אין אַ בוך געשעפט ר׳ חיים ליבערמאַנ׳ס נייעם ספר, וואָס ער האָט אָנגערופן מיט דעם כאַראַקטעריסטיש־צוציענדן נאָמען „אהל רח״ל" (דאָס געצעלט פון ר׳ חיים ליבערמאַן) האָב איך זיך איינגעשאַפט אַ קאָפּיע און אַ טייל פון די פסחדיגע טעג האָב איך פאַרבראַכט אינ׳ם „געצעלט" פון ר׳ חיים ליבערמאַן דורך לייענען זיינע פאַרכאַפּנדע אָפּהאַנדלונגען אין „אהל רח״ל".

ר׳ חיים ליבערמאַן איז אַ מענטש וואָס מען ווייסט זעהר ווייניק וועגן אים אויף דער ברייטער אידישער גאַס. ער פאַרמאָגט הינטער זיך אַ שטורמישע און רייכע געזעלשאַפטליכע קאַריערע. פון יאָר 1925 ביז 1950 איז ער געווען דער פערזענליכער סעקרעטאַר פון דעם פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי׳ן. ביים ליובאַוויטשער רבי׳ן איז ער געווען מער ווי סתם אַ סעקרעטאַר, ער איז געווען זיין פאַרטרויאונגס מענטש, האָט געוואוסט אַלע אינערליכע סודות פון דער פאַרצווייגטער אונטערגרונטישער אַרבעט פון דעם פריערדיגן רבי׳ן אין סאָוועט רוסלאַנד און איז אין פילע פאַלען געווען דער איינציגער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן דער דרויסנדיגער וועלט און דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָהן זצ״ל. ר׳ חיים ליבערמאַן האָט געדינט אַלס דער סעקרעטאַר פון דעם רבי׳ן במשך פון די אַלע יאָרן ביז דער פטירה פון דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן אין ניו יאָרק מיט דרייסיג יאָר צוריק.

אויסער זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר פון דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן האָט ר׳ חיים ליבערמאַן זיך אָפּגעגעבן מיט ביבליאָגראַפישע פאָרשונגען און האָט אויף דער טעמע פאַרעפנטליכט אומצאָליגע אַרבעטן אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטשריפטן אין ארץ ישראל און אין אַמעריקע.

## די „מומע רחל"

אין דעם קורצן פאָרוואָרט צו זיין „אהל רח״ל" שרייבט הרב ליבערמאַן אַז אין דעם ספר האָט ער באַשלאָסן צוזאַמענצוקלייבן די אַרטיקלען און די פאָרשונגען, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון 50 יאָר געדרוקט אין פאַרשידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. ער האָט צו די מאמרים צוגעגעבן אויסבעסערונגען ווי אויך אַ רייע נייע אַרבעטן, וואָס זענען ביז איצט נאָך ערגעץ ניט דערשינען און מיט דעם דאָזיגן מאַטעריאַל האָט ר׳ חיים ליבערמאַן אַרויסגעגעבן זיין וואָגיקן ספר וואָס באַשטייט פון 582 זייטן, רייך אילוסטרירט מיט פאָטאָסטאַטן פון שער בלאַטן, מאַנוסקריפּטן, בריוו און ענליכע מאַטעריאַלן.

רח״ל איז דער ראשי תיבות פון ר׳ חיים ליבערמאַן. „רחל" איז אויך געווען דער געהיימער נאָמען מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט חסידים אין סאָוועטן פאַרבאַנד ווען זיי פלעגן שרייבן צום פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי׳ן. „רחל" איז דאַן געווען דער „קאָוד" דורך וועלכן די חסידים פלעגן איבערשיקן אינפאָרמאַציע צום רבי׳ן און אָנפרעגן ביי אים פאַרשידענע עצות און פראַגעס. אין יענע צייטן איז דאָס שרייבן צום רבי׳ן געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. די סאָוועטישע געהיים פּאָליציי פלעגט עפענען בריוו און אויב זיי וועלן זיך דערוויסן אַז מען שרייבט צום ליובאַוויטשער רבי׳ן, האָט עס געדראָט מיט אַרעסט און אָפט מיט טויט שטראָף. פלעגן חסידים שרייבן בריוו און שיקן טעלעגראַמעס צו דער „מומע רחל", וואָס דאָס איז געווען ר׳ חיים ליבערמאַן, וועלכער פלעגט שוין איבערגעבן די אינפאָרמאַציע צום ליובאַוויטשער רבי׳ן און ביי אים באַקומען דעם ענטפער אויף די שאלות פון די פרעגערס.

געוויינטליך, וועגן יענעם פעריאָד פון זיין טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר פון פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי׳ן, שרייבט ניט ר׳ חיים ליבערמאַן אין זיין ספר „אהל רח״ל". בכלל איז ער אַ מענטש, וואָס רעדט זעהר ווייניק וועגן יענע שטורמישע יאָרן, ווען ער איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון דער מסירת נפשדיגער טעטיקייט פון דעם רבי׳ן.

אין דעם ספר שרייבט הרב חיים ליבערמאַן וועגן די פאָרשונגען, וואָס ווערן געמאַכט וועגן חסידים און חסידות און אויף אַ זעלטען שאַרפן און קלאָרן אופן מאַכט ער אַש און פאָרעך פון מאַנכע חסידות פאָרשער ווי פּראָפעסאָר גרשום שלום און יוסף וויס, אָנווייזנדיג אויף אַ בולט׳ן אופן ווי זיי האָבן געפעלשט און פאַרגרייזט מאַנוסקריפּטן און אויסגעזויגן פון פינגער פעסטשטעלונגען, וואָס האָבן נישט קיין האַפט. אגב, יוסף וויס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ענגלאַנד.

ר׳ חיים ליבערמאַן שרייבט אַז די דאָזיגע פאָרשער דאַרפן

# ...ענטשן, זאכן און געשעענישן

שינען אַ נײַ
ליבערמאַן. ר׳
איז אַ למדן,
אויף אַלטע
ד און היס־
פון די צייטן
יז צום היינ־

פט ר׳ חיים
ן מיט דעם
אס געצעלט
ס קאַפּיע און
ם „געצעלט"
דע אַפּהאַנד־

ווייסט זעהר
ער פאַרמאַגט
ע קאַריערע.
ליכער סעק־
בים ליובאַ־
טאָר, ער איז
אַ אינערליכע
עט פון דעם
פילע פאַלען
ן דער דרוי־
ור ר׳ יוסף
ען אַלס דער
ן ביז דער
מיט דרייסיג

יובאַוויטשער
יבליאַגראַפי־
נטליכט אומ־
שריפטע אין

שרייבט הרב
מענצוקליבען
פאַרלויף פון
סגאַבעס. ער
איך אַ רייע
דערשינען און
אַן אַרויסגע־
זייטען, רייך
מאַנוסקריפּטן.

רמאַן. „רחל"
עס האָבן זיך
ען שרייבען



ר׳ חיים ליבערמאַן דער מחבר פון נייעם ספר „אהל רח״ל" — בילד פון יצחק פריידין

צום פריערדיגען ליובאַוויטשער רבי׳ן. „רחל" איז דאַן געווען דער „קאַנד" דורך וועלכען די חסידים פלעגען איבערשיקען אינפאָר־מאַציע צום רבי׳ן און אָנפרעגען ביי אים פאַרשידענע עצות און פראַגעס. אין יענע צייטען איז דאָס שרייבען צום רבי׳ן געווען פאַרבונדען מיט גרויסע סכנות. די סאָוועטישע געהיים פאָליציי פלעגט עפענען בריוו און אויב זיי וועלען זיך דערוויסען אַז מען שרייבט צום ליובאַוויטשער רבי׳ן, האָט עס געדראָט מיט אַרעסט און אַפּט מיט טויט שטראָף. פלעגען חסידים שרייבען בריוו און שיקען טעלעגראַמעס צו דער „מומע רחל", וואָס דאָס איז געווען ר׳ חיים ליבערמאַן, וועלכער פלעגט שוין איבערגעבען די אינ־פאָרמאַציע צום ליובאַוויטשער רבי׳ן און ביי אים באַקומען דעם ענטפער אויף די שאלות פון די פרעגערס.

געוויינטליך, וועגען יענעם פעריאָד פון זיין טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר פון פריערדיגען ליובאַוויטשער רבי׳ן, שרייבט נישט ר׳ חיים ליבערמאַן אין זיין ספר „אהל רח״ל". בכלל איז ער אַ מענטש, וואָס רעדט זעהר ווייניק וועגען יענע שטורמישע יאָרען, ווען ער איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון דער מסירת נפש־דיגער טעטיקייט פון דעם רבי׳ן.

אין דעם ספר שרייבט הרב חיים ליבערמאַן וועגען די פאַר־שונגען, וואָס ווערען געמאַכט וועגען חסידים און חסידות און אויף אַ זעלטען שאַרפען און קלאָרען אופן מאַכט ער אַש און פאַרעך פון מאַנכע חסידות פאַרשער ווי פראָפעסאָר גרשום שלום און יוסף ווייס, אַנווייזענדיג אויף אַ בולט׳ן אופן ווי זיי האָבען געפעלשט און פאַרגרייזט מאַנוסקריפּטען און אויסגעזויגען פון פינגער פעסט־שטעלונגען, וואָס האָבען נישט קיין האַפט. אגב, יוסף ווייס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ענגלאַנד.

ר׳ חיים ליבערמאַן שרייבט אַז די דאָזיגע פאָרשער דאַרפען ערשט אָנפאַנגען לערנען די אַלטע אידישע ליטעראַטור, זיי דאַרפען בעטען מחילה פון גדולי ישראל וועמענס כבוד זיי האָבען באַליי־דיקט און די פאָרשונג פון חסידות דאַרפען זיי איבערלאָזען פאַר מענטשן, וואָס האָבען דעם וויסען און די פאַרשטענדעניש פאַר דעם. „לאָזט איבער די פאָרשונג פון חסידות צו די וואָס האָבען די שליסלען אין זייערע הענט" דאָס צו טאָן, שרייבט הרב לי־בערמאַן. און מיט ביטערער איראָניע גיט ער צו: „צו דער שולע פון פראָפעסאָר ג. שלום זאָג איך: זעט ס׳אַראַ תלמידים זענען אַרויס פון אייער בית מדרש!"

## דער פעלשער פון „ייטב לב"

מיט באַזונדער אינטערעס האָב איך געלייענט אין „אהל רח״ל" די קאַפּיטלעך וועגען אַלערליי ליטעראַרישע שווינדלער און פעלשער, וואָס האָבען פשוט אַרונטערגעריסען די אָריגינעלע שער־בלעטער פון ספרים און פלעגען אָפּדרוקען נייע געפעלשטע שער־בלעטער אָנגעבענדיג זייערע נעמען אַלס די מחברים און פלעגען דאַן פאַרקויפען די חיבורים אַלס זייערע אייגענע.

דערציילט ר׳ חיים ליבערמאַן אין זיין ספר וועגען איינעם אַזאַ אַפּעריסט מיט׳ן נאָמען מאיר פעקעטע־שוואַרץ, וועלכער האָט אָפּ־געקויפט אַ צאָל קאָפּיעס פון דעם ספר „ייטב לב" אויף דער תורה, וואָס דער סיגעטער רב, הרב ר׳ יקותיאל יהודא טייטלבוים זצ״ל האָט געהאַט אַרויסגעגעבען אין יאָר תרל״ה (1875) אין סיגעט. דער דאָזיגער מאיר פעקעטע האָט אָפּגעדרוקט אַ נייעם שער בלאַט פאַרשטעלענדיג זיך אַלס דער מחבר פון „ייטב לב". צוליב זיין גרויסער עניוות האָט דער סיגעטער רב נישט אָנגעגעבען זיין נאָמען אויף זיין ספר, דאָס האָט געגעבען דעם שווינדלער די

מעגליכקייט צו פֿר...
דער פעלשער...
יאָר שפּעטער אין...
איז דערשינען אין...
תרמ״ב (1882) אי...
מאיר פעקעטע־שוו...
לב. אין „אהל רח״...
שער בלעטער, דע...
געפעלשטען שער...

## מעשה ר׳ בירך...

פופציג יאָר...
די דאָקומענטען וו...
אויפגעבראויזט די...
מ׳האָט דעם מענט...
אים זענען אַרומג...
אַ הייליקער מאַן...
און אַ וואַנדערער...
געשטעמפּעלט אַל...
פון ר׳ בירכ׳ן. אי...
אינטערעסאַנטע...
בירך. פון די ברי...
זענליכקייט ביי וו...
נאָך אַ האַל...
שלאָסען פאַרעפע...
ריאַל פון דער ג...
דאַרף באַגריסט ו...
אויף אַ פאַרנעפ...
דעם קאַפּיטל...
זיין פענאַמענאַל...
פון דער פיגור...
„אהל רח״ל...
צום ביישפּיל די...
אומאַן, אַדער די...
טערעסאַנט זענען...
וואָס מ׳זאָגט ביי...
פאַרצייטיגע פאַ...
אהל רח״ל...
קען מחבר, געט...
איז אַ זעהר ווי...
אידישער געשיכ...
דריקען אַנערק...
עלטער באַוויזן...
ווי עס דערציילט...
חיים ליבערמאַנ...
שיינען אַ ספר אַ...
איך רעקאַ...
חיים ליבערמאַנ...
פאַר בלויז 11...
ספר וועט באַר...
אין די פאַרלאַ...
פאַרקאַפטען אַט...
חיים ליבערמאַן...

# ...בן און געשעענישן

פון גרשון יעקבסאָן



...רמאַן דער מחבר פון נייעם ספר „אהל רח״ל" בילד פון יצחק פריידין

...ל" איז דאַן געווען דער
...איבערשיקן אינפאָר־
...פאַרשידענע עצות און
...בען צום רבי׳ן געווען
...טישע געהיים פּאָליציי
...זיך דערוויסן אַז מען
...ס געדראָט מיט אַרעסט
...ים שרייבן בריוו און
...׳ וואָס דאָס איז געווען
...איבערגעבן די אינ־
...ביי אים באַקומען דעם

...פון זיין טעטיקייט אַלס
...ר רבי׳ן, שרייבט ניט
...ח״ל". בכלל איז ער אַ
...ענע שטורמישע יאָרן,
...פון דער מסירת נפש־

...ערמאַן וועגן די פאַר־
...ם און חסידות און אויף
...ער אַש און פאַרעך פון
...רשום שלום און יוסף
...יי האָבן געפעלשט און
...ען פון פינגער פעסט־
...׳ אגב, יוסף ווייס איז

...זיגע פאַרשער דאַרפן ערשט אָנפאַנגען לערנען די אַלטע אידישע ליטעראַטור, זיי דאַרפן בעטן מחילה פון גדולי ישראל וועמענס כבוד זיי האָבן באַליי־דיקט און די פאַרשונג פון חסידות דאַרפן זיי איבערלאָזן פאַר מענטשן, וואָס האָבן דעם וויסן און די פאַרשטענדעניש פאַר דעם. „לאָזט איבער די פאַרשונג פון חסידות צו די וואָס האָבן די שליסלען אין זייערע הענט" דאָס צו טאָן, שרייבט הרב לי־בערמאַן. און מיט ביטערער איראָניע גיט ער צו: „צו דער שולע פון פּראָפעסאָר ג. שלום זאָג איך: זעט ס׳אַראַ תלמידים זענען אַרויס פון אייער בית מדרש!"

## דער פעלשער פון „ייטב לב"

מיט באַזונדער אינטערעס האָב איך געלייענט אין „אהל רח״ל" די קאַפּיטלעך וועגן אַלערליי ליטעראַרישע שווינדלער און פעלשער, וואָס האָבן פשוט אַרונטערגעריסן די אָריגינעלע שער־בלעטער פון ספרים און פלעגן אָפּדרוקן נייע געפעלשטע שער־בלעטער אָנגעבענדיג זייערע נעמען אַלס די מחברים און פלעגן דאַן פאַרקויפן די חיבורים אַלס זייערע אייגענע.

דערציילט ר׳ חיים ליבערמאַן אין זיין ספר וועגן איינעם אַזאַ אַפּעריסט מיט׳ן נאָמען מאיר פעקעטע־שוואַרץ, וועלכער האָט אָפּ־געקויפט אַ צאָל קאָפּיעס פון דעם ספר „ייטב לב" אויף דער תורה, וואָס דער סיגעטער רב, הרב ר׳ יקותיאל יהודא טייטלבוים זצ״ל האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אין יאָר תרל״ה (1875) אין סיגעט. דער דאָזיגער מאיר פעקעטע האָט אָפּגעדרוקט אַ נייעם שער בלאַט פאַרשטעלענדיג זיך אַלס דער מחבר פון „ייטב לב". צוליב זיין גרויסער ענוות האָט דער סיגעטער רב ניט אָנגעגעבן זיין נאָמען אויף זיין ספר, דאָס האָט געגעבן דעם שווינדלער די מעגליכקייט צו פּראָטעסטירן אַז ער איז דער מחבר פון „ייטב לב".

דער פעלשער איז אָבער דעמאַסקירט געוואָרן מיט עטליכע יאָר שפּעטער אין אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „מחזיקי הדת" וואָס איז דערשינען אין לעמבערג. אין דער אויסגאַבע פון כ״א חשוון תרמ״ב (1882) איז איבערגעגעבן געוואָרן די גאַנצע מעשה ווי מאיר פעקעטע־שוואַרץ האָט געפעלשט דעם שער בלאַט פון ייטב לב. אין „אהל רח״ל" פאַרעפנטליכט ר׳ חיים ליבערמאַן די צוויי שער בלעטער, דעם ריכטיגן שער בלאַט פון „ייטב לב" און דעם געפעלשטען שער בלאַט וואָס דער שווינדלער האָט אָפּגעדרוקט.

## מעשה ר׳ בירך

פופציג יאָר צייט האָט ר׳ חיים ליבערמאַן געהאַלטן ביי זיך די דאָקומענטן וועגן אַן אויסטערלישער פיגור, וואָס האָט בשעתו אויפגעברויזט די רבנישע וועלט אין גאַליציע און אין מינסק. מ׳האָט דעם מענטש גערופן „ר׳ בירך דער גאַליציאַנער". אַרום אים זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס, אַז ער איז אַ בעל מופת און אַ הייליקער מאַן. ר׳ בירך איז געווען אַ מחבר פון ספרים, אַ דרשן און אַ וואַנדערער. גרויסע רבנים און עסקנים האָבן אָבער אים געשטעמפּעלט אַלס שווינדלער און געוואָרנט מען זאָל זיך היטן פון ר׳ בירכ׳ן. אין „אהל רח״ל" דרוקט אָפּ ר׳ חיים ליבערמאַן די אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ אַרום דער דערשיינונג פון ר׳ בירך. פון די בריוו שאַפט זיך אַ געשטאַלט פון אַ טראַגישער פּער־זענליכקייט ביי וועמען עס האָט געפעלט אַ קלעפּקע אין קאָפּ.

נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ר׳ חיים ליבערמאַן באַ־שלאָסן פאַרעפנטליכן די „מעשה ר׳ בירך", כדי דער מאַטע־ריאַל פון דער געשיכטע זאָל נישט גיין פאַרלוירן. זיין באַשלוס דאַרף באַגריסט ווערן ווייל די „מעשה ר׳ בירך" וואַרפט אַ שטראַל אויף אַ פאַרנעפּלטן פּעריאָד פון אידישן דברי הימים. אין דעם קאַפּיטל „מעשה ר׳ בירך" ווייזט אַרויס ר׳ חיים ליבערמאַן זיין פענאָמענאַלן אַנאַליטישן צוגאַנג און גרינטליכע פאָרשונג פון דער פיגור פון ר׳ בירך.

„אהל רח״ל" איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַזוינע פאָרשונגען. ווי צום ביישפּיל די געשיכטע פון דעם משכיל הירש בער הורוויץ פון אומאַן, אָדער די ביבליאָגראַפיע פון איזיק מאיר דיק. זייער אינ־טערעסאַנט זענען אויך די באַמערקונגען וועגן דעם „יהי רצון" וואָס מ׳זאָגט ביים בלאָזן שופר ראש השנה און די מאמרים וועגן פאַרצייטיגע פאַרלאַגן, ספרים און מחברים.

אהל רח״ל איז אַן אייגנאַרטיקער ספר פון אַן אייגנאַרטי־קן מחבר, געשריבן אין אַ פּרעכטיקן לשון קודש. דאָס בוך איז אַ זייער וויכטיגער ביטראַג צו דער ערנסטער פאָרשונג פון אידישער געשיכטע. די אידישע געזעלשאַפטליכקייט דאַרף אויס־דריקן אָנערקענונג צו ר׳ חיים ליבערמאַן, וואָס האָט אין זיין טיפן עלטער באַוויזן אַרויסברענגען אַזאַ אַלזייטיק וואַגיקן ספר. אגב, ווי עס דערציילט מיר ר׳ זלמן חאַנין וועלכער האָט געהאָלפן ר׳ חיים ליבערמאַנ׳ען מיט דרוקן „אהל רח״ל", וועט בקרוב דער־שיינען אַ ספר אויך אין אידיש פון ר׳ חיים ליבערמאַנ׳ס פאָרשונגען.

איך רעקאָמענדיר יעדן אינטעליגענטן לעזער צו קויפן ר׳ חיים ליבערמאַנ׳ס „אהל רח״ל". איך קענט דעם באַנד באַקומען פאַר בלויז 11 דאָלאַר מיט 50 סענט און איך בין זיכער, אַז דער ספר וועט באַרייכערן אייער וויסן ווי איך האָב דאָס געפילט אין די פאַרלאָפענע פסח טעג ווען איך האָב געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די פאָרשעריש־ביבליאָגראַפישע בקיאות פון ר׳ חיים ליבערמאַן אין זיין „אהל רח״ל".